„…LCER LEBEN" 48 (88) „Należytość pocztowa uiszczona ryczałtem" [illegible]

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען


…0 היינט

…ראַדאָמער-ק סון, „ …

Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*
ul. Sienkiewicza 61.

**אַבאָנעמענט פּרייזן:**

[illegible]

16-go grudnia 1927 r. [illegible]



אונזער פריינד ה' יוסף ענאָך
און פרוי צו די תנאים
פון זייער טאָכטער חיה' תחי'
מיט ה' **שמחה בונם לאַנדוי** בענדין
ווינשען מיר א הערצליכען מז"ט זאָל דאָס זיין
א גליקליכער שידוך און אייער דערלעבען צו
זעהן נחת פון די קינדער
קעלץ **חיים חינריב**, פרוי און קינדער

א הערציגען מזל-טוב
דער פאַמיליע **ענאָך**
צו דער פאַרלאָבונג פון זייער טאָכטער
חיה' מיט ה' **ש. לאַנדוי**
אויס בענדין
קע"ץ **חינטשע אברהם אַסבערג**
און פאַמיליע.

א הערציגען ברכת מז"ט
דער פאַמיליע **ענאָך**
צו דער פאַרלאָבונג פון זייער טאָכטער
חיה' מיט ה' **ש. ב. לאַנדוי**
אויס בענדין
קעלץ. **חינטשע צבי כערצאַרז**
מיט פרוי.

Z intencji zaręczyn
**p. Heli Enochówny**
**z p. Szymonem Landauem**
szczere życzenia składają
Esta Kaner,
Tecia Moszkowicz,
Kielce. Mania Lipszycówna.

# Lekarz Dentysta
## S. BAKOWEN
**RADOM,**
**Skaryszewska 24.**

בעסטע שיפס קאָמוניקאַציע צווישען פּוילען און קאַנאַדע
# „באַלטיק-אַמעריקא-ליין"
שיפסקאַרטען — עניינים ערלעדיגט
ביוראָ **„יוס"**
קעלץ, קילינסקי גאַס № 8

**Kino CZARY w Kielcach.**
DZIŚ i dni następnych
ŚPIEW! Znane romanse cygańskie i dumki rosyjskie ŚPIEW!
wykona artystka teatrów Moskiewskich **Lidja Rosińska**
de obrazu **Na Ołtarzu piękna** w głośnej roli Wiera Cholodnaja
Na scenie występuje po każdym seansie **Władzio Zwirlicz** Telepatyczno-jasnowidzący chłopiec.

# אויפקלערונג
איך האָב אויף צום לעצטען מאהל דעם ה' י. בראַגינסקי פון קעלץ
דאָס איין מאָל פון 5 טעג זאָל ער נעהן מיט מיר צו א דין-תורה, כדי צו
ערלעדיגען דעם סכסוך. באַם ער האָט דאָס ניט געוואָלט ערקלער איך, אז איך
נעם פון זיך אראָב די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די ווייטערדיגע קאָנסעקווענצן.
מיט אַכטונג **יוסף קאָהן** קעלץ.

**Powszechny Bank Spółdzielczy**
**w SZYDŁOWCU.**

פיהרט אויס אַלע פאַרשידענע **באַנק-אָפּעראַציעס** און ערלעדיגט אַלע
אינקאַסאָס **שנעל** און פאַר א **מינימאַלע פּראָוויזיע.**
די ראַדאָמער קאָמערסאַנטען, וועלכע האָבען וועקסלען אויף **שידלאָוויעץ**
קאָנען די וועקסלען איינגעבען אויף אינקאַסאָ דעם ה' **ב. שיינפעלד**
**ראַדאָם,** לובלינער 30, וועלכער ערלעדיגט ווי אַמשנעלסטען
רעעלע בעהאַנדלונג. די אריסצאָהלונגען.

# JASNIEJ SŁONCA
**NAJLEPSZA ZAPRAWA DO PODŁOG**
פיישט די פּאַסאַדזשקעס, לינאָלעאום און פּאַרקעט און
פאַרלירט ניט זיין שיין, ווען פאַרלאַנגט אויף
רויט גלעזער פינקעל-גרויסען.

# ZENITH
**„זעניט"**
**זייגערל**
אין זעלטענע,
פּראַקטיש,
דויערהאַפט
און ריכטיג.



*Kino PALACE w Kielcach*
**Od środy 14 b. m. i dni nast.**
**Najnowszy wiedeński film!**
# SPOWIEDŹ
24 godziny z życia kobiety
wspaniały dramat erotyczny z życia współczesnego w 10 wielkich aktach.
W rolach głównych: *H. Liedke, E. Croy* i in.
**Nad Program!**
Wspaniała komedja w 2 aktach.

**PŁYN**
# JASNIEJ SŁONCA
CZYŚCI IDEALNIE
SZYBY, LUSTRA
i WSZELKIE METALE
NIE RYSUJĄC ICH.
SPROBUJCIE A PRZEKONACIE SIĘ

# הבטחות ביי וואהלען און די רעאלע ווירקליכקייט.

I

עס איז א זעהר אנגעווייטאגטער פּראבלעם, וועלכען ס'לוינט צו בעריהרען אויף די שפאלטען פון אונזער פּרעסע. מיר מיינען דא די טרויעריגע ערשיינונג, וואס איז שוין ליידער אין אונזערע צייטען געווארען ווי א פּערפליכטענדער ־ געזעץ וואס איז אריין אין קראפט, ווי א געבאט פון דער צווייטער נאטור וואס מוז פערווירקליכט ווערען אין לעבען. אז געהענדיג צו אלע מינים וואהלען זאגט אייך צו יעדע פארטיי אין איהר וואהל ליסטע כל־ישראל'ס הבטחות אין „גליקען", ממש הרים וגבעות, מיט וועלכע זי האט בדעה דעם וועהלער מזכה צו זיין, אויב ער וועט אבגעבען פאר איהר זיין שטימע. אין יעדען וואהל־פלאספארם רעכענט מען אייך אויס א גאנץ לאנגען צעטיל פון „ישועות ונחמות". וואס די בעטרעפענדע קאנדידאטען פון דער ליסטע וועלען ברענגען פאר'ן וועהלער, אויב ער וועט נור קלוג זיין און פערשטעהן צו שטימען אויף זייער ליסטע. אפט מאהל פערגאלאפּירט מען זיך אזוי ווייט מיט'ן צוזאגען, אז עס דערגרייכט שוין ממש צו א קעגטיגען „בלאף", ווייל עס וויסט פשוט אונמעגליך זיין אזעלכע ווייטגעהענדע הבטחות דורכצופיהרען. זיי, די בעלי־הבטחות, ווייסען עס גאנץ גוט, זיי טהון עס אבער נור, כדי צו פאנגען דעם וועהלער אין זייער נעץ...

מיט א געוואלדיגען ברען ווערט דורכגעפיהרט די וואהל־קאמפאניע פון יעדער פארטיי בעזונדער און די אגיטאטארען פון די פערשידענע ליסטעס זענען גרייט בעת דער וואהל־אקציע אויסצושטעהן די שווערסטע לעבענס־נסיונות*). אבצוטהון דאן מעשים אפילו נישט קיין זעהר עהרליכע און צו קעמפען מיט דער גרעסטער מסירת־נפש, כדי צו געווינען פאר זיך וואס מעהר שטימען און אזוי ארום, וואס מעהר קאנדידאטען אריינצופיהרען פון זייער פארטיי.

דער דאזיגער וואהל־פּראצעס ווי־דערהאלט זיך ביי יעדען מין וואהלען און מיר זענען טאקי לעבעדיגע עדות פון דער קאמישער אדער, בעסער גע־זאגט, פון דער טראגי־קאמישער ערשיי־נונג, ווי אזוי מען „שאפט מענשען" און שטימען פאר יעדער ליסטע. אזוי געהט עס צו כסדר ביי וואהלען צום שטאדט ראט, צו דער קהלה א. ז. וו.

ווי נור אבער די פּראצעדור איז שוין דורכגעפיהרט און ערלעדיגט: מען האט זיך שוין פערזיכערט מיט דער געהעריגער צאהל מאנדאטען, דאן זעצען זיך די „אויפדערוועהלטע" אוועק אויף די פאטעלען, מען פערנעהמט די אמטען און מען הויבט אן גאנץ אנ־דערש זיך אויפצופיהרען ווי מ'האט פריער אזוי הייס צוגעזאגט, ענדערנדיג זייער פיזיאנאמיע און פנים... קודם כל פערנאכלעסיגען זיי דאס עלעמענ־טארסטע, דאס קומען און בייוואוינען די זיצונגען און מיט א שפּאטיש־צי־נישען חוזק־שמייכעל לאכען זיי אי־נערליך אויס די נאאיוויטעט פון וועה־לער, וואס האט זיי אנפערטרויט זיין שטימע א דאנק וועלכע זיי זענען אויסגעוועהלט געווארען.

אזא טרויעריגע ערשיינונג איז עס ביי אונז געווא־ען ווייט ס'אין אויפגע־קומען דער „זמן בחירותינו", די וואהל־צייטען. עס לוינט זיך דעריבער ברייטער אבצושטעלען, זיך ערנסט פערטראכטען און א בליק טהון אויף דער צוקינפט צו וואס אזא אויפפיה־רונג פון די „מאנדאטארען" ברענגט אונז און צו וואסערע טרויעריגע רע־זולטאטען זיי קענען אונז נאך דער־פיהרען צוליעב זייער גרינגשעצענדער בעציהונג צום וועהלער, ווי אויך צום כלל ישראל. נור וועגען דעם אין קו־מענדיגען ארטיקעל.

ברוך ניימאן (ב'ן).

*) אויסצוהערען פון געגנערישע פארטייען די גרעסטע זלזולים און בעלידיגונגען.


**Bank Powszechny**
**w RADOMIU, Lubelska 27.**

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז אונזער באנק בעקומט פרישע קאפּיטאלען און מיר זענען דעריבער אימשטאנד צו ערטיילען הלוואות און אויסצופיהרען פערשידענע דיס־קאנטעס, ווי אויך ארויסצוגעבען גאראנטען אויף אינקאסע־ווע־קסלען אהן בעגרענצונג.

ס'ווערען אויך אויסגעפיהרט אלערט פראכטען־אפּעראציעס.

אונזער באנק נעמט אן וועקלאדען אויף די בעסטע בעדינגונגען.

דער ראט און פערוואלטונג פון דער באנק, אין וועלכע ס'געהען אריין די אנגעזעהענסטע אינדוסטריעלער און די פּאפּולערסטע מענשען פון אונזער שטאדט ווי די ה"ה: מ. צמח, ב. סאבינעצקי, י. א. פּיעקארסקי, ד"ר קעלערווארם, אדוו. שטיללער א. אנד. געבען די געהעריגע גאראנטיע, אז אלע אונז אנפערטרויטע אפּעראַציעס ווערען אויף דעם **בעסטען, רעיעלסטען און סאלידסטען אופן ערלעדיגט.**


## הינטער די קוליסען פונ'ם אמאלי־גען מאגנאטען־לעבען אין ראדאם.

16. פון מלך אביון.

נאך דעם אויסשפּיעל פון דער לאָ־טעריע האט זיך די שטימונג אויף דער פערוויילונג גענצליך געביטען. די פרעהליכקייט און אויפגעהייטערטקייט פון פריהער איז געבראכען געווארען און דאס אלץ איז ארויסגעקומען דער־פון, וואס אין סאלאן האט פּלוצלונג א בליאסק געטוהן גאלע שווערדען און ווען נישט דער גליקליכער איינפאל פון דאחעלא, אז דער דועל זאל פער־טויעט ווערען אין א לאטעריע האט קיין ספק נישט געפעהלט, אז אויף דער פערוויילונג זאל בלוט פערגאסען ווע־רען. די דאזיגע שרעקליכע סיטואציע האט פאראליזירט דעם גאנצען לעבענס־לוסטיגען איכפּעט פון דער פערוויילונג. עפּיס האט ביי די דאמען א ציטער גע־טוהן א געפיהל פון שרעק פאר די צעהיצטע און רוגזה'דיגע צעפלאמטע פנים'ער פון די אפיצירען. א סך גע־שטערט דער געמיטליכקייט אין דער אינטים געהאלטענער היימישקייט האט מאדאם ב., וועלכע האט זיך געפיהלט שטארק געפּלעפט פונ'ם אויסגאנג פון דער לאטעריע, וועלכע האט איהר אנ־גערוקט אויף א ווייסען פלאץ און איהר ארט האט פערטרעטען פריילין סאלטשע אין וועלכע דער אבער־לייטענאנט האט זיך נישט אויפגעהערט צו שפּיגלען. מאדאם ב. האט זיך דערפון געפיהלט שטארק געטראפען און אזוי ווי אבגע־נארט פון איהר ליבע צום אבער־ליי־טענאנט, וועלכער האט איהר געשוואירן אז זי איז די איינציגע געליבטע ביי איהם. זי האט איצט דערשפּירט די בעטריגערישע חיטרעקייט אין, אז זי איז מעהר נישט געווען ווי עפּיס א פערוויילונג'ס־געצייג אויף צייט פער־טרייב. זי האט זיך דערפון געפיהלט אזוי געקרענקט, אז פון גרויס דענער־ווירונג האט זי מעהר נישט געקענט איינזיצען אויף איין ארט. זי ראט מיט דער גרעסטער נייגעריגקייט ארומגע־בלאנדזשעט פון איין שטוב אין דער צווייטער און מיט איהר ארײַן ־ און ארויסלויפען הין־און־צוריק האט זי פיעל פערשטארקט די נערוואזיטעט אין די צושטרייאונג אויף דער פערוויילונג.

די געסט, בעמערקענדיג די אויפ־רעגונג פון מאדאם ב. האבען ב'סלעכ־ווייז אנגעהויבען זיך פיהלען נישט איבריג גוט. נישט וויסענדיג די ריכטיגע כבה האבען זיי גערעכענט, אז דאס גיעט מאדאם ב, אנצוהערעניש, אז די פער־וויילונג קאן שוין דאס מאהל גענוג זיין און מ'דארף זיך שוין געזעגענען. די געסט האבען זיך אויפגעהויבען פון די ערטער און געוואלט זאגען א גוטע

# „אגודת ישראל" ראדום.

# אויפרוף

## צו די רעליגיעזע יודען אין ראדאם.

שוין עטליכע יאהר וואס עקזיסטירט נישט אין אונזער שטאדט די אר-טאדאקסישע ארגאניזאציע א. נ. „אגודת ישראל", צוליעב דעם איז פערנאכלעסיגט געווארען די רעליגיעזע ענינים. ווי די ערציהונגס-פראגע, עס האט זיך פערגרעסערט דער חילול-שבת בפרהסיא א. ז. וו.; און דער ארטא-דאקסישער יוד קוקט מיט א שווער הארץ אויף די שלעכטע פאלגען און דעמאראליזאציע, וואס הערשט אין דער יודישער גאס.

מיר מוזען מיט פערדראס פעסטשטעלען, אז דאס וואס עטליכע און-פעראנטווארטליכע יחידים האבען ביז יעצט זיך בעניצט מיט א סטעמפעל פון א בכלומרשט עקזיסטירענדע „אגודת ישראל" אין ראדום, אהן וויסען, אהן איינמאכט פון די ברייטע יודישע רעליגיעזע מאסען, דאס וואס עס איז נישט דא קיין לאקאל; שוין 2 יאהר איז קיין פערזאמלונג נישט פארגעקומען. קיין פראטאקאלען נישט געמאכט, דאס האט נאך מעהר פערשאפט בזיון און ער-נידריגט דעם פרעסטיזש פון נאמען „אגודת ישראל" און האט געשטערט די שאפונג און רעארגאניזאציע פין „אגודת ישראל" אין אונזער שטאדט.

בכדי א סוף צו מאכען צו דעם כאאס און אונארדנונג. איז פארגעקו-מען דינסטאג פ' וישלח א גרויסע פערזאמלונג, אין עס איז בעשלאסען געווא-רען צו בענייען די גרינדונג פון „אגודת ישראל" מיט דעם ציעל: צו ערווא-כען דאס רעליגיעזע בעוואוסטזיין צווישען די ברייטע רעליגיעזע מאסען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, אויפצוהויבען דעם כבוד התורה והדת, אבצושטעלען ווי ווייט מעגליך דעם חילול-שבת, לעזען די רעליגיעזע ערצי-הונגס-פראגע א. ז. וו. און עס איז אויסגעקליבען געווארען א צייטווייליגער ראט אויסצופיהרען די דאזיגע פאסטולאטען.

אליא ווענדען מיר זיך צו יעדען רעליגיעזען יוד אין ראדום, ביי וועל-מען עס איז טייער דער כבוד התורה והדת אונז מיטצוהעלפען אין אונזער הייליגער ארבייט, און זיך איינשליסען אין אונזער ארגאניזאציע, וויל עס איז שוין די העכסטע צייט, וואס מיר מוזען ארגאניזירען א „אגודת ישראל" אין ראדום אויפ'ן לעגאלען וועג.

דער ראט בעשטעהט פון די ה"ה:

| | | |
|---|---|---|
| אברהם קארמאן | חיים טענענבוים | יוסף פעלדפעבער |
| אברהם יעקב נייריק | חיים ווארשאער | יצחק שווארצבערג |
| אברהם הירש יודענהערץ | ירחמיאל גוטמאן | יעקב וייל |
| אביגדור גרינבלאט | יהודה לייב פרידמאן | מרדכי קליינמאן |
| אביש בירענבוים | יעקב עהרענבערג | מרדכי שטערן |
| אלעזר זילבערשטיין | יעקב מענדל מרגליות | מרדכי זיסמאן |
| אברהם יעקב שרייבער | יוסף לאזשניק | שלמה פאכראן |
| בנימין גאלדבערג | ישראל אברהם בארענשטיין | שלמה אלעזר גארפינקעל |
| דוד ראפאפורט | יחיאל ישעיהו גרין | שלמה פאנטשאק |
| הענוך ניימאן | יעקב בארענשטיין | יחיאל ווראנצבערג |

דער עגזעקוטיוו בעשטעהט פון די ה"ה: הירש לייב זילבערבערג, חיים ניימאן חיים אהרן וויינאכט, מאטיל זעלצער, שמואל אייזמאן.

בעמערקונג: איינשרייבען אלס מיטגליעדער קען מען זיך אין לאקאל פון אונזער „אגודה" ווארשאווער גאס 14 יעדען טאג פון 10 ביז 12 פריה.

דער צייטווייליגער ראט פון „אגודת ישראל" אין ראדום.

---



Emulsja Scotta

אז בעקאנט פון א סך יאהרען אויף די גאנצע וועלט, אז עס איז דער בעסטער גור-טער פיינד פאר קינדער.

עמולסיא סקאט שטארקט דעם ביי-ניער סיסטעם, סיטיהרט ארויס אין ארגא-ניזם ערנעהרונגס-פאקטארען, וויטאמין, פאספאר, קאלעך, פעטקייטען און בא-שטעהט פון זעהר לייכט פערדייאונג.

יעדער דאקטאר בעשטעטיגט די אויס-סערגעווענליכע מעלות פון דעם פרעפאראט.

עמולסיע סקאט איז צו בעקומען איבעראל אין אלע אפטייקען און אפטייק סקלאדען.

פאדערט נור די אריגינעלע עמולסיא סקאט.

---

די דירעקציע פון די גימנאזיעס

„Przyjaciół Wiedzy"

אין ראדאם.

מאכט בעקאנט, אז די עגזאמענס פאר די נייע אריינטרעטענדע שילער אין די קלאסען פון אינטערגימנאזיום וועלען פארקומען דעם 8 סטיציען 1928

אין די קלאסען פיערטע, פינפטע, זעקסטע איז פארהאן א בעגי-רענצטע צאהל-ערטער.

אין די זיבעטע און אכטע קלאסען וועלען קיין נייע שילער נישט צוגענומען ווערען.

ביטעס בייגעלעגט מיט געבורטס-צייגנישען (מעטריקעס) און ביז יעצ-טיגע שול-צייגנישען נעמט-אן די קאנצעלאריע (קילינסקא 13) ביז דעם דריטען סטיציען. נאך דעם טערמין וועלען קיין ביטעס נישט אנגענומען ווערען.

דירעקציע.

---

בעקאנטמאכונג.

די לאנג-יעהריגע פירמע **נחום גינזבורג** ראדאם, רוויינסקא 27

האט איבערגעטראגען דאס געשעפט אויף **לובלינער 1** פראנט ערשטער שטאק.

דאס געשעפט איז פערזעהן מיט פרישע גאלאנטעריע-ארטיקלען, ווי אויך דאמען-און-מענער קאנפעקציע אין גרויסען אויסוואהל.

אלעס צו זעהר ביליגע פרייזען.

---

*Kino ODEON w Radomiu.*

Od 13 grudnia

Rewelacyjny film sezonu, na którym spotykała się cała inteligentna Warszawa. Film demonstrowany przez dwa kina Pan i Corso przez szereg tygodni z niesłabnącem powodzeniem. Przepiękna karta z życia napisana przez znanego pisarza OTTONA KRAUSSE p. t.

CZARNA NATASZA

*(Krwawiące serca).*

Film ilustrowany będzie przepięknemi śpiewami, w wykonaniu specjalnie zaproszonych artystów Opery Warszawskiej

w. p. Heleny Nawrockiej

i w. p. Roberta Mar-tinelli.

---

*Firma kolonjalno-importowa w Gdańsku*

**POSZUKUJE**

**DZIELNEGO I RUTYNOWANEGO**

**agenta na Radom.**

Zgłoszenia z podaniem referencji pod Nr. 720 do Biura ogłoszeń **„DEVERA", Gdańsk, Kohlenmarkt 10.**

---

Kino CORSO w Radomiu.

Od czwartku 15 grudnia **Wspaniałe arcydzieło kinematograficzne**

POSTRACH SINGAPURU

Dramat w 8-miu dużych aktach.

W rolach głównych *Lon Chaney i Lois Moran*

Nad program! „DYNAMIT" komedja w 2 aktach.

---

*Kino CZARY w Radomiu.*

Od 16.XII tylko 3 dni. — Wielka sensacyjna premjera. Film z życia apaszów i mętów paryskich p. t.

**Na paryskim bruku**

w roli głównej **RAMON NOVARRO.**

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska 20.